# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XIII, No. 3 | 50 CENTS A YEAR | NOVEMBER, 1930.

## YOU WILL NOT COME

A proud look. This is one of the seven things which God hates. See Proverbs 6:16. Ruskin once said that Pride is at the bottom of all of our mistakes. In Proverbs 16:5 we are further told that "Everyone that is proud in heart is an abomination to the Lord." So great has been God's hatred for Pride that He warned our forefathers even in the days of the wilderness, that they were always in danger of falling into the snare of pride, and in Lev. 26:19 God took a far look ahead, and knew that the day would come when our Jewish Nation would be so filled with pride that He could endure it no longer; and so he said, "I will break the pride of your power; and I will make your heaven as iron, and your earth as brass."

And God did that very thing, for He drove our forefathers out of the land, and we have been wanderers on the face of the earth ever since, while our home land has been literally an earth of brass and a heaven of iron—no crops, and no rain.

And this leads up to one of the main reasons why our forefathers refused to believe in the Lord Jesus Christ; it was pure, unadulterated Pride. Here are the stinging words which the Lord Jesus Christ hurled at the rabbis, the Scribes, the Pharisees, the Jewish leaders, who refused to understand that in the Person and Presence of this only begotten Son of God, they were face to face with the most solemn realities of all the long years of God's dealing with our people:

> "And ye will not come to me, that ye might have life. I receive not honour from men. But I know you, that ye have not the love of God in you. I am come in my Father's name, and ye receive me not; if another shall come in his own name, him ye will receive. How can ye believe, which receive honour one of another, and seek not the honour that cometh from God only?"
> John 5:40—44.

What a frightful condemnation, when the Lord Jesus Christ had to say, out of the bitter experiences of His own soul, "How can ye believe, which receive honour one of another, and seek not the honour that cometh from God only?"

And this receiving of honor has come down to us to the present day. The rabbi of today, if you go to him to ask him in a kindly spirit what he has to say about the Lord Jesus Christ, will in most cases become infuriated with rage, and instead of answering you kindly, and showing for himself a true spirit of inquiry, he is puffed up with pride, and thinks that he is some great person, not realizing that the Lord Jesus Christ can look right through his heart and uncover all the corruption of the human flesh.

Now contrast all of this with the astounding humility of the Lord Jesus Christ when He was here upon the earth. He was truly the Son of God. He came down from His place at the right hand of God, and truly humbled Himself by putting on the body of human flesh, and dwelling here among us for the space of 33 years. At any moment that He had wished He could have summoned ten thousand angels to come and do His bidding, and bear Him away in such majesty as this earth has never seen, to His home above, where cherubim and seraphim and countless angelic hosts would bow to Him, and the heavens would be filled with celestial music in adoration of this ineffable Son of God. Yet the Scriptures say that He humbled Himself; of His own free will; deliberately; with pre-meditation; before even the foundations of the world were laid.

They took Him one day to a hill called Calvary, and there they put him through the most awful and shameful death that was ever known to the Romans—crucifixion. The torture was beyond description. They put upon His head a crown of thorns and as the thorns pierced their way into the flesh, and the blood spurted out, the Scriptures tell us that "they bowed the knee before Him, and mocked Him, saying, Hail, King of the Jews!"

How do you think our modern Jews and our modern rabbis would take such an experience as this? And remember that there was never a moment during all the time that the Lord Jesus Christ was here in the body on the earth that He could not have called upon uncounted thousands of angels to come down and do warfare for Him. But no, He humbled Himself and went through that awful agony, that you and I might have eternal life, just for the asking and for the believing. For He Himself had told one of our great Jewish rabbis, a man called Nicodemus, one day,

> "And as Moses lifted up the serpent in the wilderness, even so must the Son of man be lifted up: That whosoever believeth in him should not perish, but have eternal life."
> John 3:14, 15.

Just see how differently our blinded Jewish leaders act today under the slightest provocation. If some of our Jews are persecuted in Roumania, what do they do? The Jews of the world quickly organize and with great pomp and show they make their appearance before the tribunals of the nations of the world and make demands that these persecutions be stopped. But the Lord Jesus Christ was persecuted and never opened His mouth. We have seen during the Holy Day season, little children standing around eagerly at the entrances to the synagogue, and we have seen a rabbi walking through the front door, with his high silk hat, and long coat, just filled with pride, and we have seen him with a temper unbelievable push these children away and order them not to stand around the door. But the Lord Jesus Christ loved the little children, and told His disciples, "Suffer little children to come unto Me and forbid them not."

Dear reader, do you want to get rid of your pride? Then turn to the Lord Jesus Christ and ask Him to give you a new heart and a new spirit, and He will respond quickly to your heart cry, and He will give you eternal life; you will be truly a child of God. If you really want to know whether the Lord Jesus Christ is truly your Saviour and truly the Son of God, all you have to do is to be willing to know, and as sure as the sun shines He will reveal Himself to you. Let it not be said of you, "Ye will not come unto Me" for that would be a tragic epitaph to put over your tombstone.

We will count it a privilege to help you in any way we can to know the truth, if you will feel free to write us at any time.

OUR HEADQUARTERS



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

OUR BRANCHES

**Philadelphia, Pa.**

**535 Spruce Street**

**Atlantic City, N. J.**

**2603 Pacific Avenue**

**Pittsburgh, Pa.**

**1861 Rose St., cor. Dinwiddie**

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

האבען דיעזען פאראגראף דארט אריינגעשמוגעלט אין דעם בוך פון יוסיפוס. דאס איז אבער נור געוועזן איינס פון טויזענטער אנדערע שקרים וואס אידען האבען זיך מתיר געוועזן אויסצוטראכטען כדי צו פאר'מיאוס'ען ביי אידען זייער היילינגען משיח.

איז אבער געקומען דער בראווער געלערנטסטער מאן פון דיעזער צייט, יוסף קלויזנער, און האט אויסגעפונען אז יענע ווערטער פון יוסיפוס זענען נישט אריינגעשטעלט געווארען דורך קריסטען, נייערט זיי זענען אריגינעל און אמת'דיג פון דער פען (פעדער) פון יוסיפוס גופא.

עס זענען פאראן פיעלע אנדערע היסטאריקער וועלכע זענען געווען געלערנטע היידען אהן רעליגיאן, זיי האבען אויך געשריבען וואונדערבארע זאכען איבער ישוע המשיח. ער איז נאך ביז'ן היינטיגען טאג א רעטזעלהאפטעס וועזען און אן עניגמאטישע פערזענליכקייט צווישען אלע פילאזאפען און אזוי פשוט־דענקענדע מענשען וועלכע האבען פארזוכט און פארזוכען נאך ביז היינט־צו־טאג צו דערגרונטעווען דעם מיסטעריעזען כאראקטער פון דעם וואונדערבארען ערלייזער ישוע המשיח. אבער זיי קאנען נישט קומען צו קיין אנדערען באשלוס, נייערט אז ישוע המשיח איז א געהיימניס וועלכעס קאן נישט עקספליצירט ווערען דורך מענשליכען שכל.

אט א דער היילינגער משיח, מיט זיין גאנצער קדושה און גרויסקייט, האט איינגעזעהן אז דער מענש ווערט רואינירט דורך זיינע זינד און ער האט גרויס רחמנות געהאט אויף דעם מענש אין זיין גרויסע נידערלאגע דורך זינד. דערפאר האט ער איבערגעלאזט זיין הימלישע וואוינונג און איז ארונטערגעקומען אויף דער ערד, ער האט אויף זיך גענומען א מענשליכען קערפער כדי צו זיין אין נאהענטער בעציהונג מיט'ן מענש און אזוי ארום צו פארווירקליכען די ערלעזונג פון זינד דורך זיין גרויסע ליעבע וואס האט איהם געטריבען צום טויט אלס א קרבן פאר די זינד פון דער וועלט.

דאס איז באשריבען זעהר קלאהר אין משלי ח, 22—32. דארט רעדט ישוע המשיח אונטער'ן מיטעל "חכמה". ער זאגט דארט:

"גאט האט מיך קונה געווען אין אנהויב פון זיינע וועגען איידער ער האט זיי באשאפען, פון אנפאנג אן איידער די ערד איז געוועזען ווען די אפגרונדען זענען נאך נישט געוועזען בין איך שוין באשאפען געווארען, איידער די הייך זענען געוועזען בין איך שוין באשאפען געוועזען, איידער ער האט נאך די ערד געמאכט, די פעלדער אדער דעם ערשטען שטויב פון דער וועלט. ווען ער האט אנגעברייט דעם הימעל בין איך דארט געוועזען. ווען ער האט די וואלקען באפעסטיגט פון אויבען, ווען ער האט שטארק געמאכט די קוואלען פון די טיפעניש, ווען ער האט געמאכט א געזעץ צום ים אז די וואסערען זאלען נישט איבערטרעטען זיין באפעהל, ווען ער האט באשטימט די גרונדפעסטיגונג פון דער ערד, דאמאלס בין איך געוועזען ביי איהם אזוי ווי איינער וואס איז מיט איהם אויפגעבראכט געווארען, און בין טעגליך געוועזען זיין לוסט, און האב מיך געפרעהט פאר איהם אלע צייט. איך האב מיך געפרעהט אין זיין באוואוינטע וועלט און מיין פרייד איז געוועזען מיט די מענשען קינדער".

זיינע לעצטע ווערטער זענען: אז ער האט פערגניגען און פרייד צווישען די מענשען, ווייל ער האט זיי אמת'דיג ליעב געהאט.

וועלכער מענש מיט פערשטאנד קאן אלזא פערווארפען אדער גלייכגילטיג זיין צו דעם היילינגען משיח וועלכער איז די "חכמה" און די בינה אליין! ("בינה" זענען די אותיות פון "בן יה").

ווען אבער דיעזע חכמה און בינה, נעמליך ישוע המשיח און זיין לעהרע וועט רעגירען אין מענשליכע הערצער, דאן וועט די זינד און כל'ערליי צרות בעזייטיגט ווערען און וועט במילא צו קיין פינאנציעלע דריקונג נישט קומען.

## פאַלש געלד

### ווי אזוי עס צו דערקענען

דורך די צייט וואס די לעצטע שרעקליכע מלחמה האט געדויערט האבען זיך געהאט געיאוועט פיעלע נאכגעמאכטע פאלשע באנקנאטען און געלדער וועלכעס האט פאראורזאכט גרויסען פארלוסט צו די בענק. עס איז געווען א גאנצער אויפרור צווישען די בענקערס און מ'האט געהאלטען קאנפערענצען איינס נאכ'ן צווייטען אום אויסצוגעפינען א מיטעל ווי אזוי צו לעגען א האנד אויף די פאלשע געלד־מאכערס אז זיי זאלען מעהר קיין פאלש געלד ניט פאבריצירען.

נאך א לאנגע צייט פון בעראטונגען זענען די פינאנצירען געקומען צו א שלוס אז ס'איז נור איין מיטעל פאראן דערצו, און דאס איז, אז אלע וואס זענען אנגעשטעלט אין די באנק, די קאסירערס און טעלערס, זאלען אונטערריכטעט ווערען אין א ספעציאלער קלאס, צו וויסען דעם אונטערשיעד צווישען פאלש און אמת'דיג געלד. מ'האט זיי אויסגעלערנט אז זיי זאלען מיט'ן ערשטען בליק דערקענען די געהיימנים־צייכענס פון די רעגירונג אויף די באנקנאטען. אבער דורך דער גאנצער צייט פון זייער שטודירען האט מען זיי נישט געלערנט צו דערקענען דאס פאלשע געלד ווייל דאס וואלט געווען לגמרי נוצלאז. מ'האט זיי נור געלערנט אז זיי זאלען קאנען דורכדרינגליך דערקענען דאס אמת'ע געלד. אזוי באלד ווי זיי האבען דאס אויסגעלערנט איז שוין נישט מעהר געשעהן קיינע פערלוסטען אין די בענק, ווייל מ'האט שוין נישט מעהר געקאנט אבנארען די באנק־אנגעשטעלטע מיט פאלשע געלדער.

קענען וואס ברענגען מיר דאס דיעזע געשיכטע פון בענקעריי? אנטקעגען אונזערע אידישע ברידער און זייער אמת'דיגען משיח ישוע מנצרת.

ווען דער היילינגער משיח איז געווען קנאפע 2000 יאהר צוריק אין ירושלים האט ער געזאגט צו די "צדוקים" (אזא סעקטע אידען וואס האט דאמאלס עקזיסטירט) וואס האבען דורך זייערע נארישע קשיות באוויזען אז זיי האבען קיין שום באגריף פון גאטס ווארט אין היילינגען תנ"ך, האט ער זיי געזאגט, "איהר זענט אין שרעקליכען טעות און אין דער פינסטערניס ווייל איהר ווייסט נישט די היילינגע שריפט און נישט גאטס כח (מתתיהו כ"ב, 29). און צו אן אנדער געלעגענהייט האט ער צו אידען געזאגט: "דרשו בכתבים אשר אתם תאמרו חיי עולם יש לכם והמה מעידים עלי" (יוחנן ה, 39).

דא זעהען מיר אז ישוע המשיח האט געוואוסט דעם פרינציפ פון לערנען, נעמליך ליעבער פון דער פאזיטיווער זייט אלס פון דער נעגאטיווער. דעם פרינציפ וואס די באנקירען האבען איצטער אנגעווענדעט צו זייערע אנגעשטעלטע קאסירערס, האט ישוע המשיח שוין דאמאלס באנוצט צו באלעהרען אידען ווי אזוי קענען צו לערנען דעם היילינגען משיח, נעמליך, פון דעם פאזיטיווען סיסטעם: "דרשו בכתבים". ער האט זיי געזאגט, דארט אין דער היילינגער שריפט וועט איהר געפינען די בעשרייבונג איבער דעם משיח, און פון יענער פאזיטיווער שילדערונג וואס גאט ב"ה האט אונז גענעבען דורך די נביאים קאנען מיר לגמרי משיג זיין אז דער היילינגער משיח איז קיין אנדערער אלס ישוע, וועלכער איז געבוירען געווארען פון דער פרינצעסין מרים אין בית לחם, און איז שפעטער געקרייציגט געווארען פאר אונזערע זינד אזוי ווי גאט האט אונז געזאגט דורך תורת משה והנביאים.

ליידער אבער, ווייל אידען האבען נישט געלערנט גאטס תורה און לערנען זי נאך היינט נישט, ווייסען זיי טאקע נישט ווער זייער היילינגער משיח איז. זיי האבען אבער דאדורך דעם שרעקליכען טעות געמאכט וואס זיי האבען אנגענומען פאלשע משיחים. דאס האט נישט נור פאסירט איין מאל, נייערט לויט די היסטאריע זענען דאס געווען 28 פאלשע משיחים וואס אידען האבען מקבל געווען מיט גרויס יראת כבוד.

דאס אלעס איז געווען ווייל אידען האבען נישט געהאנדעלט לויט דעם קלוגען פרינציפ צו שטודירען א זאך פון דער פאזיטיווער זייט. מ'דארף שטודירען דאס אמת'דיגע און עכטע געלד צוערשט און דאן ווערט מען במילא נישט אבגעפאפט מיט פאלשען געלד.

## קינדער שפיעל

ווען די מוטער מאכט שווארץ די ברוסט
טהוט זיך דאס קינד זעהר מיאוס'ן,
עס פארלירט אין גאנצען די לוסט
זיין מוטער'ס מילך צו געניסען.

אזוי האבען אויך די רבנים
מיט'ן היילינגען משיח געמאכט,
זיי האבען אפגעשווארצט זיין פנים
מיט שקרים אליין אויסגעטראכט.

ס'איז אבער פאראן אין דיעזער צייט
איבער צוויי הונדערט טויזענד אידען
וואס גלויבען אין ישוע המשיח'ס זעלינקייט
און זיינען גליקליך און צופרידען.

ווען דו וועסט נאכטהון דיעזע מענשען
און ניט פאלגען יענע וואס זיינען בלינד
וועט דיך גאט ב"ה אימער בענשען
און דו וועסט זיין גאטעס קינד.


## בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט, 8 אוהר . . פיר מענער און פרויען

מאנטאג נאכט, 8 אוהר . . . . . . טעסטימאניעל

וואס גלויבט אין איהם אז ער זאל זיך צוריק קעהרען צו גאט און צו זיינע נביאים און דאדורך מצליח צו זיין. אין דברי הימים ב, קאפיטעל כ, פסוק כ הייסט עס: "האמינו בד' אלהיכם ותאמנו האמינו בנביאיו והצליחו".

נור ליידער האבען אידען פארווארפען זייערע נביאים און האבען זיך ערווארבען עפעס אזא מין רעליגיאן וועלכע איז אויסגעמישט מיט פיעלע געדאנקען, אידעאלען און מנהגים פון היידענטום, אבער ווען גאט ב"ה וועט העלפען אז אידען וועלען זיך קעהרען צום הייליגען משיח וועלען זיי דאמאלס ווערען אמת'דיגע אידען על־פי התורה והנביאים.

## די פינאנציעלע דריקונג

מיר האבען געהערט פון די שרעקליכע ארעמקייט צווישען אידען אין פוילען. מ'שרייבט אסאך פון דעם שרעקליכען דלות וואס הערשט צווישען פיעלע אידען אין רומעניע און אין טשעקא סלאוואקיע א. ז. וו., און דאס רייכע אמעריקא האט תמיד ארויסגעשיקט איהרע מליאנען צו העלפען און צו לינדערען דאס גרויסע ארעמקייט פון יענע מקומות. היינטיגען טאג זענען אבער אזאלכע שרעקליכע צייטען פון פינאנציעלע דריקונג אז אפילו דאס רייכע אמעריקא האט עס דערפיהלט און ליידעט דערפון שוין ביינאהע א יאהר און עס איז נאך קיין סוף דערצו.

מענשען געהען ארום אין די גאסען פון די גרויסע אמעריקאנער שטעדט זוכענדיג און נאכפרעגענדיג וואו אביסעל ארבייט צו געפינען וואבי עפעס צו פארדינען פאר א שטיקעל ברויט פאר זיין פאמיליע.

די צייטונגען ברענגען נאריכטען פון אזאלכע וואס דערשיסען זיך און פון אנדערע וואס פארגיפטען זיך און פון ווידער אנדערע וואס דערטרינקען זיך אין טיעפע וואסערען אום דערמיט צו ענדיגען דאס טרויעריגע ארבייטסלאזע לעבען.

די שטאדט ניו יארק האט דערפאר אויפגעעפענט אן אפיס אום צו העלפען אויפצוזוכען ארבייט פאר דער מאסע וואס נויטיגען ארבייט. דעם ערשטען טאג ווי די אפיס איז געעפענט געווארען האבען ביי אכציג טויזענד מענשען בעלאגערט און געשטורעמט יענעם אפיס און יעדער האט געוואלט טהון דאס אונמעגליכע און אריינגעהן און ווען מעגליך אויך צו זיין פון די ערשטע, עפעס אביסעל ארבייט צו בעקומען.

אין דער שטאדט דיטראיט, וואו די מייסטע אטאמאביל פעקטארים געפינען זיך, קומען אריין טעגליך אומגעפעהר 35,000 מענשען, באזוכענדיג די פעקטארים און בעטענדיג ברחמים אום ארבייט. יענע שטאדט איז אזוי באלעסטיגט געווארען פון ארבייט־זוכערס אז מ'איז געוועזען געצוואונגען זיי פון יענער שטאדט אויסצואווייזען און צוריקשיקען פון וואו זיי זענען געקומען.

אזאלכע זאכען האבען דערוועקט די הערצער פון די גרויסע אמעריקאנער פילאנטראפען און פינאנצירען עפעס צו טהון אום צו לינדערען דיעזע סיטואציע.

איז אבער דא איין גרויסער פילאנטראפ מיט'ן נאמען באבסאן וועלכער איז אויך דער גרעסטער סטאטיסטיקער און א באריהמטער געשעפטס־פאכמאן אין דער וועלט, און אט דער מר. באבסאן האט מכריז ומודיע געווען אז ער וועט דארט און דארט האלטען א רעדע איבער דיעזער טהעמא.

אזוי באלד מ'האט דאס ערפאהרען האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען צו יענעם לאקאל אלערגאטונג מענשען ווי גרויסע געשעפטסלייט, פינאנצירען, וויסענשאפטסלייט און אנדערע כדי צו הערען וואס יענער גרויסער מאן האט צו זאגען וועגען דעם ענין. און אט הערט וואס דער גרויסער סטאטיסטיקער מר. באבסאן האט געזאגט:

צוערשט האט ער באגרינדעט זיינע באהויפטונגען אויף דער ביבעל, אהינווייזענדיג צו גאטעס ווארט וועלכעס זאגט אז אלעס בייזעס קומט דורך זינד. דאן האט ער צוגלידערט דעם סיסטעם פון דער געגענווערטיגער עקאנאמישער און סאציאלער לאגע צווישען דעם אמעריקאנער פאלק ווי אויך צווישען אלע מענשען פון דער יעצטיגער וועלט.

ער האט באוויזען אז די געשעפטסלייט קאמפעטירען און זענען קאנקורענטען איינער מיט'ן אנדערען. יעדער איינער וויל אויסכאפען די געשעפטען פון צווייטען. דעסגלייכען גיבט עס ראנקען און קלאסען צווישען מענשען, ארעמע, גאר ארעמע, רייכע און גאר רייכע. די אלע האבען נישט די מינדעסטע סימפאטיע איינער מיט'ן אנדערען. עס איז אויך פאראנען א גרויסער תהום צווישען קאפיטאל און ארבייט, ביידע צדדים ווילען אונטערדריקען איינס ס'אנדערע.

דיעזע שטעלונג, הן צווישען געשעפטסלייט און הן אין דער פראלעטארישער וועלט איז דירעקט געגען גאטעס ווארט וועלכעס הייסט "ואהבת לרעך כמך". ד"ה, דו זאלסט ליעבען דיין נעבען־מענש ווי דיך אליין. אט זעהט איהר ווען מענשען זאלען דאס פאלגען און נישט באגעהן די שווערע זינד געגען גאטס געבאט וואלט לחלוטין קיין שווערינקייט אין דער פינאנציעלער וועלט עקזיסטירט".

אט דאס איז די וויסענשאפטליכע ערקלעהרונג פון דעם פארנעהמסטען געשעפטסמאן אין אמעריקא. מיר האבען דא נישט גענוג פלאץ צו ציטירען אלע איינצעלהייטען פון זיין אנאליזירונג פון די סיסטעמען און מעטאדען וועלכע ווערען באנוצט היינט־צו־טאג אין די געשעפטען וועלכע בעווייזען קלאהר אז זיי ווערען געפיהרט אויף א זינדיגען באזיס און דערפאר איז געקומען דאס אומגליק אין דער פינאנציעלער וועלט.

ווי איהר זעהט, ליעבער לעזער, האבען מיר דא גענוג ארויסגעבראכט פון מר. באבסאן'ס לעקטשור צו בעווייזען אז די זינד פון מענשען ברייננט מיט זיך שלעכטע און שעדליכע פאלגען פאר די מענשהייט, אי בדרך גשמי און אי אין גייסטיגקייט.

ווען גאט ב"ה האט דורך משה רבינו געווארענט די צוויי און א האלב שבטים האט ער זיי געזאגט מיט די ווערטער "ודעו חטאתכם אשר תמצא אתכם", ד"ה, זייט וויסענדיג און זיכער אז אייער זינד וועט אייך אויסגעפינען (במדבר ל"ב). מאנכע האבען זיך אפשר דערפון אויסגעלאכט טראכטענדיג ווי אזוי קאן זינד אויסגעפינען דעם מענש וואס באגעהט די זינד. איז דען די זינד א פערזענליכקייט מיט אויגען, מיט הענד און פיס? גאטעס ווארט איז אבער אמת וצדק, און אט האט איהר די ערקלעהרונג פון דעם גרויסען וויסענשאפטסמאן וועלכער האט צוגלידערט און אנאליזירט די עסקים און האט באוויזען אז אויף א נאטירליכען אופן ווירקט די זינד אזוי שטארק אז עס רואינירט אלע די וואס באגעהן די זינד.

דערפאר האט גאט ב"ה געשיקט דעם הייליגען משיח אז ער זאל אויסלייזען די מענשען פון אלע זייערע זינד, ווייל גאט ליעבט אלע מענשען וואס ער האט באשאפען און ער האט נישט געוואלט צוזעהן אז זיין גרעסטע באשעפעניש, נעמליך דער מענש, זאל קומען צו א פארניכטונג דורך זיין זינד. "ווייל גאט האט אזוי די וועלט געליעבט אז ער האט געגעבען זיין איינגעבוירענעם זוהן כדי אלע וואס גלויבען אין איהם זאלען נישט פארלוירען געהן, נייערט האבען דאס אייביגע לעבען" (יוחנן ג, 16).

ישוע המשיח, דער איינגעבוירענער זוהן פון גאט איז געקומען פונקט אין דער צייט וואס גאט האט באשטימט פאר איהם צו ערשיינען אין דיעזער וועלט. ער האט אידען געבעטען ברחמים, ער האט זיי באלעהרט, גע'דרש'ענט און גוטעס געטהון, ער האט זיי געוויזען גרויס ליעבע און רחמנות אויף אלערליי אופנים. ער האט זיי באוויזען מיט אותות ומופתים אז ער איז נישט א פשוט'ער בשר ודם געוועזען, ווייל א פשוט'ער בשר ודם קאן דאך נישט מחיה מתים זיין.

די געשיכטע ערצעהלט אונז אז ישוע המשיח האט אויפגעוועקט פון טויט א בחור וועלכען מ'האט שוין געטראגען אויף דער מטה מקבר צו זיין (לוקס ז, 11). דער בחור איז געוועזען דער איינציגער זוהן פון זיין מאמע די אלמנה וועלכע איז נאכגעגאנגען בעגלייטענדיג איהר טויטען זוהן מיט א צוריסענעם הערץ און מיט אזא געוויין אז עס האט געקאנט ריהרען אפילו א שטיין. האט זיך ישוע המשיח אויף איהר מרחם געווען און איז צוגעקומען צו דער מטה און האט מיט אויטאריטעט בעפוילען דעם טויטען אויפצושטעהן און לעבעדיג ווערען און דער טויטער איז פלוצים אויפגעשטאנען און ישוע המשיח האט באלד געזאגט צו דער באטריבטער אלמנה: "טאכטער פון אברהם, הער אויף צו וויינען און צו קלאגען. נא, דא האסטו דיין זוהן".

אן אנדער טויטען האט ישוע המשיח אויפגעוועקט נאכדעם ווי דער טויטער איז שוין געוועזען באגראבען פיער טעג און פיער נעכט (יוחנן י"א).

דאס איז נור איינינע פון פיעלע אנדערע פעלע וואס ישוע המשיח האט מחיה מתים געוועזען; און אויך נישט אין געהיים, ווייל אסאך אידען זענען דאביי געוועזען און האבען דרויף עדות געזאגט.

אט האט איהר אויך אן עדות דערצו פון דעם גרויסען אידישען געשיכטע שרייבער "יוסיפוס", וועלכער שרייבט צירקא 40 יאהר נאכדעם ווי ישוע המשיח איז געקרייציגט געווארען. ער זאגט:

"צו דער צייט איז געוועזען א מאן ישוע — אויב עס איז רעכט איהם גאר אנצורופען "מאן", ווייל ער האט געטהון וואונדערבארע זאכען. ער האט צו זיך צוגעצויגען פיעלע אידען וועלכע האבען איהם נאכגעפאלגט און איהם שטארק געליעבט. ער האט זיך צו זיי באוויזען נאכ'ן טויט אויפ'ן דריטען טאג אזוי ווי די הייליגע נביאים האבען דאס בנבואה געזאגט צופאר, און פיעלע פאלגען איהם נאך ביז צום היינטיגען טאג". Antiq. of the Jews XIII, III.

דאס איז געשריבען געווארען פון א אידישען געשיכטע שרייבער און נור איינינע יאהר נאך די קרייציגונג פון ישוע המשיח. דאס קאן דאך אודאי קיינער נישט אוועקמאכען מיט דער האנד.

עס איז געוועזען א שמועס צווישען איינינע אידישע געלעהרטע פון היינטיגע צייטען אז די קריסטען

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XIII, No. 3 — 50 CENTS A YEAR — NOVEMBER, 1930.


## ראבי וויז דרש'ענט

ווי אונזערע ווערטהע לעזער ווייסען איז דער ראבי וויז דער גאנצער ראש צווישען אמעריקאנער אידען בכלל און צווישען די ציוניסטען בפרט. ער איז ווי עס הייסט אין ענגליש "יוביקוויטוס". דאס הייסט אין אידיש: ער טאנצט אויף אלע חתונות. ער האלט רעדעס און זאגט פיעלע מאל אזאלכע זאכען וואס זענען א בעליידיגונג פאר'ן אידענטום און פאר גאט. ער איז כלומרשט דער גייסטיגער פיהרער פון אמעריקאנער אידען און ווען ער רעדט גיבט ער פיעלע מאל צו פארשטעהן אויף א פארבארגענעם אופן אז ער איז דער רעפרעזענטאטיף פון גאנצען אידענטום. צום סוף האט ער פארינגען ראש השנה געהאלטען א רעדע אין זיין פריי־סינאגאג פונקט להיפוך און פארקעהרט פון דער לעהרע פון אלגעמיינעם אידענטום און פון דער אידישער טעאלאגיע. ארדבא נעמט און לייענט א טייל פון זיין רעדע:

צוערשט האט ער ארויסגעבראכט די געגענווערטיגע שווערע פראבלעמען פון ציוניזם און באלד האט ער אויסגעשריגען מיט זיין גבורה'שען קול: "אידען קאנען אלעס אליין טהון"!

דיעזע ווערטער און מאנכע אנדערע אויסדרוקען וואס ער האט דאמאלס באנוצט, האבען בפירוש אויסגעשלאסען גאט ב"ה פון דער גאנצער פראגע.

דאס איז אייגענטליך קיין נייע זאך מצד די ציוניסטען. פיעלע פון זיי זאגען אזוי עפענטליך אז בכן, זיי האבען שוין גענוג לאנג געווארט אויף גאט און זיי ווילען מעהר אויף איהם נישט ווארטען און זיי וועלען זיך אליין עטאבלירען אין דעם הייליגען לאנד. אבער אז אזאלכע ווערטער זאלען ארויס קומען פון'ם מויל פון ראש פון די אידען, איז עפעס אזוי פרעמד און אויסטערליש אז מ'מוז אויסרופען מיט ערשטוינונג "שׂמו שמים"! פערוואונדערט אייך, איהר הימלען! דאס וואונדער איז אזוי גרויס ווי אז מ'זאל זעהן די זון אין הימעל אבער אהן ליכט. . . . אדער מ'זאל זעהן א ים אבער אהן וואסער. . . . אזוי איז אויך איינער וואס מ'רופט איהם ראביי, וועלכער זאגט אז ער רעפרעזענטירט די אידען און אידישקייט, און צום סוף דרש'ענט ער גאר נעגען אידישקייט.

רענקט אייך נור, ליעבער לעזער, אין סאמע ראש השנה, אין יענעם טאג ווען כמעט אלע אידען פון דער גאנצער וועלט גלויבען און באקענען אין זייערע תפלות אז אלעס ווערט באשטימט פון גאט ב'ה און אהן איהם ווערט גארנישט געשעהן, אין אזא טאג שטעלט זיך אויף ראביי וויז און דרש'ענט אז מען דארף נישט האבען גאטס הילף צו בעקומען ארץ־ישראל ווייל אידען קאנען זיך אליין העלפען. ארדבא נעמט און מישט אויף אין מחזור דעם באריהמטען "ונתנה תוקף" און זעהט דארט וואס די אידישע טעאלאגיע שרייבט פאר:

"ובשופר גדול יתקע . . . ומלאכים יחפזון . . . ויאמרו הנה יום הדין . . . וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרום . . . כן תעביר ותספור ותמנה ותפקוד נפש כל חי ותחתוך קצבה לכל בריותיך ותכתוב את נזר דינם. בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון כמה יעברון וכמה יבראון . . . מי ישפל ומי ירום". דאס הייסט, אז אלעס איז באשטימט פון גאט ב"ה, קומט אבער צוגעהן ראבי וויז און זאגט אז ניין, ווייל אידען קאנען אליין באשטימען וואס מיט ארץ ישראל זאל געשעהן און אליין עס אוועקנעהמען פון יענעם און עס באזיצען.

ווען אידען האבען זיך אמאל געמאכט אן עגל אין דער מדבר האבען דאמאלס אידען געשריגען "אלה אלהיך ישראל", און איצט שרייען אידען "אלה רבניך ישראל".

אבער נישט נור מאכט ראבי וויז צושאנד דאס אידישע מחזור מיט די אידישע טעאלאגיע, נייערט ער האט לויט זיינע ווערטער לגמרי אבגעלייקענט גאט און זיין תורה.

אין דברים ח' לייענען מיר: "ואמרת בלבבך כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה וזכרת את ד' אלהיך כי הוא הנתן לך כח לעשות חיל".

און אזוי לערנט אונז אויך ישוע המשיח. ער זאגט אז ניט אמאל דער ביליגסטער פויגל פון דער לופט פאלט נישט ארונטער צו דער ערד אהן גאטס ווילען.

ניין, מיט אזאלכע פיהרער קאנען אידען גאר נישט שטאלצירען און ציוניזם קאן אודאי נישט בעגליקען!

וועלכער איד וויים דאס נישט פון דעם קאפיטעל תהלים קכ"ז, וואו עס הייסט, "אם ד' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו". ציוניסטען נעמט דאס אין אכט . . .

איז עס דען א וואונדער אז זיי גלויבען נישט אין ישוע המשיח ווען זיי גלויבען נישט אין גאט און אין זיין תורה וואס שרייבט אויף ישוע המשיח. און דאס האט טאקע דער הייליגער משיח געמיינט ווען ער האט צו אידען געזאגט אין ירושלים: "כי לו האמנתם במשה האמנתם גם בי כי עלי הוא כתב" (יוחנן ה).

אט דאס איז דער אונטערשיעד צווישען גלויביגע און צווישען אונגלויביגע אין ישוע המשיח. ווען די גלויביגע האבען עפעס נויטיג אדער זיי האבען אירגענד וועלכע פראבלעמע פאר זיך, איז זייער ערשטער שריט מתפלל צו זיין צו גאט. קיין שום זאך וועלען זיי נישט אונטערנעהמען מיט זייער אייגענעם כח אדער פערשטאנד נייערט מיט געבעט און האפנונג צו גאט ב"ה, אזוי ווי עס הייסט אין תהלים קכ"ג: "כן עינינו אל ד' אלהינו עד שיחננו".

אט האט איהר א ביישפיעל פון דער לעצטער אויפרודערונג מצד די באלשעוויקעס. ווען די קריסטען האבען געהערט פון די שרעקליכע פערפאלגונגען געגען רעליגיאן, האבען זיי זיך פערזאמעלט אין זייערע געבעט־הייזער, געפאסט און געבעטען, אז ווען עס איז גאטס ווילען זאל ער צושטערען דעם שלעכטען זין פון די סאוויעטען בנוגע רעליגיאן, אבער אליין מיט אייגענעם כח האבען זיי גארנישט געטהאן.

נעמט און פערגלייכט דאס מיט דעם אידישען גאנג: ווען ס'טרעפט זיך חלילה אן אומגליק אויף אידען, צו וואס נעמט מען זיך צוערשט? צו פראטעסטירען. אזוי ווי עס איז געשעהן ניט לאנג צוריק ווען די נייעס איז געקומען פון אידישע פערפאלגונגען אין רומעניע האבען זיך געיאוועט פיעלע טויזענטער אידען אין ניו יארק און האבען געמאכט א "מארטש" אין די גאסען פון דער גרויסער שטאדט און האבען פראטעסטירט דענקענדיג אז זייערע פראטעסטען וועלען אסאך העלפען. און אזוי האבען אידען שוין אסאך פראטעסטירט, דא דארט און איבעראל. האט זיך עפעס עמלק שטארק דערשראקען און מורא בעקומען? אידען האלטען אין איין פראטעסטירען און עמלק האלט אין איין יאגען.

ישוע המשיח האט אונז באלעהרט צו האבען אמונה אין גאט ווייל דארט וואו גארנישט קאן אונז העלפען אין אן עת צרה, קאן גאט אבסאלוט יא העלפען. ישוע המשיח בעט זיך נאך היינט ביי אידען "למדו ממני", לערענט פון מיר: די וואונדערבארע חכמה פון ישוע המשיח פערזאורזאכט דעם


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.